STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08127

# DOS TELERL FUN HIML

Aleph Katz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס
טעלער
פון
הימל

אַלעף כַּץ

# דאָס טעלערל פון הימל



פאַרלאַג
מתנות
ניו־יאָרק

אילוסטראַציעס
יאָסל קאָטלער

GREAT NECK LIBRARY

דאָס טעלערל פון הימל

אַרויסגעגעבן פון

פאַרלאַג מתנות

ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

DOS TELERL FUN HIML

By ALEPH KATZ

Copyright by A. M. Katz

New York, 1934

490

Printed by Astoria Press

61 E. 4th St., New York

מיין זון

אפרים דוד

א מתנה

# דאָס טעלערל פֿון הימל

זיצט אַן אַלטער כישופֿמאַכער,
זיצט אַ גאַנצע נאַכט אַ וואַכער,
מורמלט נאָכאַנאַנד אַ זוכוואָרט,
מורמלט נאָכאַנאַנד אַ שפּרוכוואָרט:

אַלעף בּיים און וויים און גימל,
קום, אָ טעלערל פֿון הימל.
זע, איך וויין מיין לעצטע טרער,
קום אַראָפּ צו מיר אַהער.

זיצט דער אַלטער כישופֿמאַכער,
זיצט אַ גאַנצע נאַכט אַ וואַכער,
שפּרייט זיין זיידענע פּאַטשיילע
און ער רופֿט די הימל-כּלי.

וויסט דאָס טעלערל פֿון גאָרנישט
און עס אַרט דעם נישט אַ האָר נישט,
שווימט אין בלאָען ים פֿון הימל . . .
און דער אַלטער ווערט אַנדרימלט.

זעט ער אין חלום — אין לאַנד איז אַ הונגער,
עס פּייניקט די מענטשן די נויט.
הערט ער איין וואָרט נאָר אויף אַלעמענס צונגען:
ברויט.

שטרעקט ער די הענט זיינע אויס צו די הויכן,
און עס געשעט אים אַ נס —
די הענט זיינע ציען זיך אויס און דערגרייכן
דעם ראַנד פון דעם הימל־געפעס.

נעמט ער עס אָן און ער ברענגט עס אַרונטער
און שטעלט עס אַוועק אויף דער ערד:
ווערן די מענטשן דערשטוינט פון דעם וואונדער
נאָך קיינמאָל געזען און געהערט.

ווערט זייער וואונדער נאָך טיפער און גרעסער
און שטאַרקער נאָך ווערט זייער פרייד:
דער טעלער איז פול ביז די ראַנדן מיט עסן,
מיט אַלערליי שפּייז און מיט ב ר ו י ט!

ווערט אַ געשטוים און אַ ווילדער געברום,
מע רינגלט דעם ליכטיקן טעלער אַרום.

די שפּייז ווערט אין גיריקע אויגן פֿאַרברענט.
נאָר קורץ זיינען פֿינגער און קורץ זיינען הענט
און קאָנען ניט גרייכן דעם ליכטיקן ברעג
צו כאַפּן פֿון דאָרטן אַ ביסן, אַ לעק.

צעשרייט זיך דער הונגער נאָך שטאַרקער ווי פֿריער,
עס שטורעמט אַ יאָמער דאָס הימל־געשיר.
צערייצטע געדערים, צערייצטער פֿאַרלאַנג
קאָרטשען זיך מאַכטלאָז אין הונגער־געפֿאַנג.



אינמיטן דעם טומל און גרויסן הו-האַ
נידערט אַרונטער אַ מעכטיקער שאַ.
עס שפּרינגט פון דעם טעלער אַ מענטשל אַרויס,
אַ מענטשל אַ בלאַסער — אַ פינגער די גרויס.

נאָר אָקאָרשט מע זעט ניט— און אײדער וואָס ווען,
ער גיט מיט די אויגן אַ ברי און אַ ברען,
און הייבט אָן צו וואַקסן, ווערט גרויס ווי אַ ריז —
לאַנג איז דער קערפּער, נאָך לענגער די פיס.

און הויך איז זיין שטים און ער דונערט און רופט,
עס קנאַלן די ווערטער, עס ציטערט די לופט:

— ווער וואַגט, זאָגט ער, שטערן
די זילבערנע רו
פון אונדזער פאַרפרוירענער וועלט?
וואָס איז דער גערויש
און דער ווילדער גערוף
און וואָס שטורעמען זיי אונדזער קעלט?
ניטדאָאיקע ברואים,
ווער זענט איר ווער, זאָגט!
וואָס איז דער פאַרלאַנג
און די קלאָג וואָס איר קלאָגט?

— ב ר ו י ט ! שרייען קולות,
אַהער גיב דאָס ברויט!
די קלאָג וואָס מיר קלאָגן
איז ביטער ווי טויט!
באַהאַלט דיין פאַרוואונדער
און העלף די מינוט!
עס פרעסט אונדז דער הונגער
און זויפט אונדזער בלוט!

— הונגער? ברויט?
בלוט און טויט?
פרעגט ער און וועגט אויפן צונג יעדער וואָרט.
וואו זעט איר עס ברויט דאָ?
וואָס שפּריצט איר מיט שוידער
און האָגלט מיט בליקן פון מאָרד?
אומזיסט איז געבייזער,
אומנישט איז געוויין —
עס קאָן דאָך ניט ווערן קיין שפּייזער
אַ נאַקעטער באָדן פון שטיין.

— שוויַג! הער אויף!
גענוג דיך געשפּאָט שוין פון הונגער!
רייסט זיך אַרויס אַ געשריי
פון אַ שטים פון אַ יונגער.
און באַלד עס דערהערן זיך קולות
פון זקנים, פון קינדער און פרויען,
עס מישן זיך וואָרנונג און כעס און געבעט און שגע
און שייטערן פלאַמיק אַן אויסרות,
אַ וואָרט וואָס איז צאָרניק און רויט —
ב ר ו י ט!

נאָר העכער פון הילכיקן מעכטיקן שריי
דערהערט זיך די שטים פון דעם מענטשן אויפסניי,
און ווען עס פאַרשטומען די קולות פון וויי,
הערט מען אים זאָגן אַזוי און אַזוי:



— איך קאָן מיט אַ פינגער אַ פיר טאָן אַצינד,
מיין וועלט זאָל אַ פלי טאָן אויף פליגל פון ווינט
צוריק אין דעם קרייז פון דעם הימלשן רייך
און זיך באַפרייען פון אייך,
און אייך דאָ לאָזן איינער-אַליין
אין געוויין.

איך קאָן אין אַ רגע
אין איין אויגנבליק
מאַכן אַ סוף צו דעם ציינערגעקריץ
און צום געוויטער פון ביטער געמיט.

איך קאָן —
נאָר איך וועל דאָס ניט טאָן.
ניט איצט,
ווען עס בליצט נאָך דער וואַנזין אין בליק
און פאַרבלענדט אייך דאָס אויג מיט ניטדאָאיקן גליק,
און טוט־אָן אויף שטיינער דעם אויסזען פון ברויטן
און קאָכט־אויף דאָס בלוט מיט אַן אָנרעג צו טויטן.

אײדער מיר װערן פֿונאַנדערגעשײדט,
אײדער דער ביטערער װאָלקן פֿאַרגײט
און עס פֿאַרשװינדט דער אומזיסטיקער צאָרן,
מוז אַ װאָר
װערן קלאָר
און פֿאַרשנײדן זיך טיף אין זכּרון.

מוזט איר פֿאַרשטײן, אַז שטײן איז שטײן
און קאָן קײן ברױט ניט װערן,
מוז אַ נײַע לױטערקײט
פֿאַרװישן כּעס און טרערן.

מוזן אױגן זען
און אױערן דערהערן
און אין װילדן האַרץ
אַ קלאָרן ציל געבערן.

—דער ציל איז דאָ!
און שאַרף איז ער און קלאָר! —
שניידט אַ בליציק קול אַדורך די פליסנדיקע רייד. —
חברים!
וויפיל איז דער שיר צו האַלטן אונדזער כעס אין שייד
און הערן ווי שעפסן אַ שעפסענע דרשה?

גענוג שוין געשווינט אַט דעם הינטישן רשע!

מיר זיינען געקומען נאָך ברויט,
און ע ר דערלאַנגט אונדז ווערטער־שטיינער!
עס האַלט אונדז באַם גאָרגל דער הונגער, דער טויט,
און ע ר דערלאַנגט אונדז שטראָפּרייד שיינע!

גענוג געוואַרט!
גענוג געווען דער נאַר!
גענוג געשטאַנען דאָ
מיט האָפנונג אויפן צונג
און מיט געדערים דאַר און קוואַר!

אַט שטייט אַ טעלער פול מיט שפּייז —
מיר מוזן אים דערגרייכן!
עס מוז דער לויכטנדיקער קרייז
דערפילן אונדזער כּוח און
אַרונטער פון די הויכן.

זאָלן אַלע מידע הענט פאַרברידערט ווערן
אין אַ שטאַרקער האַנט!
זאָלן אַלע שוואַכע פיס פאַרגלידערט ווערן
אין אַ לאַנגן שפּאַן!

אויב עס איז דער טויט באַשערט,
זאָל ער זיגן איבער מוט!
זאָל ער מיט זיין שאַרפער שווערד
זיגן איבער קעמפערס בלוט!

— מיר זיינען גרייט!
באַפעל און פיר!
ענטפערט-אָפּ געשריי פון אויפגערייצטע שטימען
גענוג פאַרגאָסן בלוט און רייד —
מיר קאָנען מער ניט צאַמען
אונדזער פלאַמענדיקע לייד!
באַפעל און פיר,
מיר זיינען גרייט!

פלאַקערט דאָס געשריי און ברענט.
האַמערס — אויסגעשטרעקטע הענט,
האַמערס — פויסטן אָנגעלאָדענע מיט כעס,
צאָרנען,
וואָרנען,
הויבן זיך מיט האַס און האַסט.

העגט און פיס
און קעפּ און פּלייצעס
נעמען בויען מענטשן - לייטערס.
פיס אויף אַקסל, פיס אויף אַקסל
נעמען וואַקסן וואַקסן וואַקסן,
ציען שטייגנדיקע וועגן
צו דעם קרייז און זיינע ברעגן.

איילנדיקע פּראַלער מיט צעוויכערטע געזיכטער
קלעטערן אַרויף אין שיכטן איבער שיכטן.
האַמערדיקע כוואַליעס קוואַלן פון דעם דעק און
יאָגן זיך אַרויף און שלאָגן זיך אין ברעג.

נאָך אַ רגע — נאָר א י י ן האָר
און דער ים איז באַם געגאַרטן שוועל
מיט צעבונטעוועטן צאָרן
פון צעווילדעוועטע וועלט.

— האַלט!
גערוואַלדעוועט דער טעלערמענטש
מיט געבעט אין קול, —
האַלט!

נאָר דאָס פֿאָלק איז טויב צו תּפֿילות,
שטאָל און אײַזן איז זײַן ווילן,
און דער פֿלײַצעדיקער לײַטער
מערט די שטאַפּלען נענטער,
נענטער, נענטער צום דעם ראַנד
פֿון דעם אומבאַקאַנטן העלן טעלערלאַנד.



ענדלעך האָט אויף העכסטן שטאַפּל
זיך אַרויפגעדראַפּעט מוט:
אין צערודערטן שוואַרצאַפּל
האָט אַ שלאָג געטאָן דאָס בלוט.

אויגן טויזנטער און צענערטויזנטער —
שפּיגלען שטורעמדיק און ווילד —
האָבן איינגעשלונגען און געוואָרגן זיך
מיט אַ ברויזנדיקן בילד.

ס׳האָט דער פּאַרצוף פון אַ ליידיקייט
אַרויפגעקוקט מיט שרעק,
מיט אַ סוף אָן אָפּענעם
געוואָרנט האָט דער דעק.

נאָר געווען איז שפּעט צו טראַכטן
ביי דעם שוועל פון תהום —
אויפגעפרעסן האָט דער אימפּעט
יעדן אָפּשטעל אין דעם שטראָם.

און געפלויגן זיינען קערפערס
אָנגעגאָסענע מיט פלעף —
ס'האָט אַ מויל אַ ברייט-צעעפנט
זיי געצויגן און געשלעפט.

טיפער, טיפער, גיך און זיכער
מיט אַ בייזן פאַל און פראַל
צו אַן ערגיץ אַ באַשערטן
ווי אַ צאָרנדיקער וואַסערפאַל
אין געיעג אַראָפ אַראָפ
דורכן דעק פון טעלערטאָפ
(וואָס איז געפלויגן ווי אַ פלי-שיף
אויף די פליגל פון אַ כישוף)
האָט געשטראָמט דער מענטשן-רעגן
און געיאָגט זיך נאָכאַנאַנד
ביז
ער האָט אַ סוף באַגעגנט
ביז ער האָט באַגעגנט ל אַ נ ד.



דאָ האָט זיך דער שטראָם פאַרטאַיעט,
ניט־געוואָרן איז פאַרטויבנדיק געבריל.
אונטער זון און הימל פרייען,
אונטער גלעט פון שטראַלנשפּיל,
האָט גענומען ווערן אויסגעוועפּט די מידקייט פון די גופ׳ן,
הערצער האָבן אָפּגעאָטעמט פריי,
אויפלעב האָט פון אַלע זייטן אָנגעהויבן רופן,
מינטערן די לייבער פון דאָס ניי.

גרינער שפּרייט פון גראָז און פּלאַנצן
האָט גערייצט דאָס אויג.
פיס געהויבן האָט צום טאַנצן
יעדער קער און בויג און פלי פון ווינט,
וואָס איז געשטויגן און געפלויגן.
רחבות האָט מיט ריזן־הענט געצויגן און געצויגן.

האָבן אויפגעשטעלט זיך אַלע —
ערשט זיי קוקן זיך אַרום
און גלויבן ניט די אויגן:
לעבן זיי אַ גוס פון שטראַלן
און דער סוף פון רעגנבויגן.

און יעדער שטראַל איז אַ שפּאַקטיוו
מיט וואונדערלעכע אויגן
אָנגעצונדן:
ווען מען קוקט אין זיי אַריין,
ווערן רוים און צייט פאַרפלויגן
און פאַרשוואונדן.

נאָענט ווערן ווייטסטע שטרעקן און אַנטפּלעקט,
די צוקונפט עפנט-אויף די נעסט פון אירע יאָר,
און דער אמת פון אַיעדער זאַך
ווערט דורכזיכטיק און קלאָר.

קוקן זיי אַריין און זעען זייער לאַנד
פון וואַנען ס'האָט דער הונגער זיי פאַרטריבן.
זעען זייער היים — צו דערלאַנגען מיט דער האַנט
אין שפּיגל פון די שטראַליקע שפּאַקטיוון.

וואַנדערט דער הונגער נאָך אַלץ דאָרט אַרום
געאָרעמט מיט טויט אין די גאַסן.
זיי זוכן נאָך אַלץ דאָרט קרבנות פון נויט,
די ביטערע אומגליק-פּאַיאַצן.



אָבער ניטאָ שוין דאָרט װעמען צו שטיקן,
ניטאָ!

ניטאָ?
טאָ װער זײַנען די,
װאָס שפּאַצירן אַרום דאָרט מיט גליק אין די אויגן,
מיט פּענימער פלײשיק און פעט
און פאַרגאָסן מיט זעט?

װער זײַנען זײ װער,
די פאַרשװינען מיט בײכער געפּאַשעט און שװער?
װער?

אָ, נישטער, זכרון, פלאַם־אויף מיט דײַן ברען,
און דערקען!
דעם פלאָנטער צעשטער
און דערקלער —
װער זײַנען זײ,
װער?

און פּלוצים עס הויבן זיך צאָרנדיק הענט —
דער בליק האָט די בײכיקע העלדן דערקענט:

אין אַ לאַנד וואו ס׳האָט דער הונגער
אַלעמען געוואָרגן,
האָבן אָט-די זאַטע העלדן
שפּייז געזאַמלט און פאַרבאָרגן.

אין אַ לאַנד וואו ס׳האָט דער וואָלף פון נויט
דאָס לייב געריסן,
האָבן זיי געפּלינדערט און גערויבט
דעם לעצטן ביסן.

אויסגעמאָרעט קינד און קייט
און מיט ליגנערישע רייד
די מעשים זייערע פאַרגלעט, פאַרגרינט ;
פאַרנאַרישט יונג און אַלט
און אָפּגענאַרט מיט ווינט —
אַז קיינער האָט דעם אמת ניט געהערט
און יעדער אויג געוועז איז בלינד.

בלינד צום אמת אויף דער ערד —
האָט דאָס האַרץ געבענקט אַרויף,
צום טעלערל פֿון הימל,
און די נויט האָט זיך געמערט
און דאָס לעבן האָט געשימלט.



און אָט איז נאָך אַ שטראַל אַ קלאָרער...
זע, ווי לויטער ס׳איז די וועלט!
אַלע מענטשן זיינען ברידער,
יעדער פּנים קוואַלט און קוועלט.

און ס׳איז ניט ווייט די וועלט די דאָזיקע,
זי איז ניט אין די הויכן:
נאָכן ערשטן גרויסן קאַמף —
אַ גאָרניט זי דערגרייכן!

אָ פּלאַטער, האַרץ, אַצינד
און ווער פון פרייד צעשפּליטערט!
אָפּן איז דער וועג צו זיג,
עס רייט דער ווילן אויף געוויטער.

אָפּן איז דאָס אויג,
און דער ווילן גרייט און גרויס!
קומט, חברים, שרייען קולות,
לאָמיר גיין אַהיים!
פאָראויס!

פאָראויס! פאָראויס! אַהיים צו זיג!
האָבן שטימען זיך צעדונערט.
אָנגעגורט צום לעצטן קריג
האָבן אַלע זיך מיט וואונדער.

זיך געלאָזט אין וועג אַריין
אויף שטראַלן פון דעם רעגנבויגן,
און דער לאַנגער ווייטער וועג
געשפּרונגען איז אַקעגן.

— ציטער, שונאָ, ס׳פליט אַ מחנה
פאַראַן אמת פירן קריג!
זיכער איז איר קום און מאַכטיק,
און איר אָרעם זידט דער זיג!

זידט דער זיג און זינגט און יאָגט
און וויל גאָר ניט אויפהערן.
אינדרויסן שאַרעט שוין אויף טאָג,
עס לייכט דער מאָרגנשטערן.
די לבנה בלאַס און בלייך
שווימט אין פרייען הימל . . .
און דער אַלטער כישופמאַכער
האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דרימל.




סוף